# פרשת בהר בחוקותי כ"א – כ"ז אייר תשע"ה לפ"ק

***יום ראשון פרשת בהר בחוקותי***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק למסור שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' בית הכנסת סימן קנ"ג סעיף כ'). אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן השיחה:***

**די** פאריגע וואך אין די פרשה, איז געווען די מצוה פון קידוש ה'. מען דארף מקדש זיין דעם אייבערשטען'ס נאמען, און נישט מחלל זיין דעם אייבערשטען'ס נאמען. ולא תחללו את שם קדשי, ונקדשתי בתוך בני ישראל (ויקרא כב-לב), און נאכדעם קומט די פרשה פון מועדים. און די פרשה פון מועדים הייבט זין אן מיט שבת. דבר אל בני ישראל ואמרת אליהם, מועדי ה' אשר תקראו אותם מקראי קודש וגו', ששת ימים תעשה מלאכה, וביום השביעי שבת שבתון מקרא קודש. וואס איז דער ענין אז די תורה איז מסמיך די לאו פון ולא תחללו את שם קדשי, נעבען די פרשה אז מען זאל האלטן שבת. - און די טראפן וואס איז דא אויף די ווערטער 'ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי', איז מונח זרקא מונח סגול מונח רביעי. יעדע טראפ האט דאך אן ענין וואס ליגט דערין.

**עס** קען זיין, די גמרא (יומא פו.) זאגט, אז חילול ה' איז זייער א האקעלע עבירה. חילול ה' מיינט נישט דוקא אז מען איז מחלל דעם אייבערשטען'ס נאמען מיט א גרויסע זאך, נאר עס ווערט געמאסטן ביי יעדן מענטש, לויט זיין מדריגה. און אפילו א קלייניגקייט גייט אסאך מאל אריין אין גדר פון חילול ה'. די גמרא (שם) זאגט, אז רבי יוחנן האט געזאגט, אז סוף טאג ווען ער איז שוין שוואך, און ער האט נישט קיין כח צו לערנען, און ער גייט ד' אמות בלי תורה ובלי תפילין, ווערט עס גערעכנט ביי אים ווי חילול ה'. ווען מענטשען זעהן אז רבי יוחנן גייט ארום, און לערנט נישט, איז עס א חילול ה'. רב האט געזאגט, אז ווען א תלמיד חכם גייט אריין אין א געשעפט, און ער צאלט נישט תיכף אויפן פלאץ, און א מענטש וועט מיינען אז ער האט גענומען, און ער האט נישט באצאלט, גייט עס אריין אין גדר פון חילול ה'.

**די** גמרא (שם) זאגט, אז לגבי תשובה, אז מען זאל קענען תשובה טון, איז חילול ה' די הארבסטע פון אלע עבירות. רבי ישמעאל האט געדרשנ'ט ד' חילוקי כפרה. ווען א מענטש איז עובר אויף א מצות עשה, און ער טוט נאכדעם תשובה, ער זאגט ווידוי, און ער האט חרטה אויף וואס ער האט געטון, איז אים דער אייבערשטער מכפר. אויף א לא תעשה, ער האט געגעסן חזיר, איז נישט גענוג אז ער טוט תשובה, און ער האט חרטה געהאט אויף וואס ער האט געטון, נאר תשובה איז תולה אז עס קומט נישט קיין עונש תיכף, אבער ער מוז ווארטען אויף יום כיפור, כי ביום הזה יכפר עליכם, און יום כיפור איז עס מכפר. אויב ער האט עובר געווען אויף כריתות און מיתות בית דין, איז ביידע, תשובה און יום כיפור, נאר תולה, און יסורין ממרקין, ער מוז אויך האבען יסורין. אויב ער האט עובר געווען אויף חילול ה', איז אלע דריי צוזאמען, תשובה און יום כיפור און יסורין, נישט מכפר, עד תמותון, נאר יום המיתה איז מכפר דערויף. זעהט מען, ווי הארב חילול ה' איז, אז מיט א קלייניגקייט וואס מען האט מחלל געווען דעם אייבערשטען'ס נאמען, זאגט רבי ישמעאל אז אויף דעם נוצט נישט קיין תשובה בחייו.

**עס** שטייט אבער אין **טורי זהב** (הל' שבת סימן רמ"ב) אז די גמרא (שבת קיח:) זאגט, אז ווען איינער האלט שבת, איז אפילו ער איז עובד עבודה זרה כדור אנוש, מוחלין לו. אזוי שטייט אין פסוק (ישעיה נו-ב) אשרי אנוש יעשה זאת וגו' שמר שבת מחללו, אל תקרי מחללו אלא מחול לו, דער אייבערשטער איז אים מוחל. פרעגט די **טורי זהב**, ווי אזוי רעדט זיך עס. האט דער יוד תשובה געטון, פארוואס דארף ער דעם שבת. ער האט געדינט עבודה זרה, און ער האט תשובה געטון, איז דאך תשובה מכפר, פארוואס דארף ער האבען דעם שבת דערצו. רעדט זיך עס, אז ער האט נישט תשובה געטון, נו, ווייל ער האט געהאלטן שבת, וועגן דעם ווערט אים נתכפר די עבירה פון עבודה זרה. זאגט דער טורי זהב, אז אוודאי רעדט זיך עס אז ער האט געטון תשובה, ווייל אן תשובה נוצט עס נישט. אבער עבודה זרה איז א לא תעשה, און עס איז פון די מיתות בית דין

אויך, און אויף דעם נוצט נישט תשובה אליין, נאר מען דארף האבען יום כיפור מיט יסורין אז עס זאל מכפר זיין. אבער טאמער ער האט תשובה געטון, און ער האלט אויך שבת, איז דער כח פון שבת מגין, אז אפילו מיט תשובה אליין ווערט עס אויך נתכפר. אזוי זאגט דער **טורי זהב** פשט אין די גמרא.

**זעהט** מען דאך, אז שבת האט א כח, אז אפילו ערגעץ אנדערש וואלט מען געדארפט האבען דערצו, אז יום כיפור און יסורין זאלן מכפר זיין, און ביי חילול ה' איז נאר מיתה מכפר, אבער אז א יוד האלט שבת, קען ער דורך דעם זוכה זיין, אז עס זאל נתכפר ווערן אלעס וואס ער האט געזינדיגט. פארוואס, ווייל שבת איז שמא דקודשא בריך הוא (זוה"ק ח"ב פח:), שבת איז אויך דעם אייבערשטען'ס נאמען, און אז ער איז מקדש דעם שבת, האט ער געטון א זאך וואס איז היפך פון חילול ה'. חילול ה' האט ער מחלל געווען דעם אייבערשטען'ס נאמען, און מיט שמירת שבת האט ער מקדש געווען דעם אייבערשטען'ס נאמען, איז אפילו ער האט געזינדיגט מיט חילול ה', אבער ווען ער האלט שבת, האט עס א כח אז עס זאל קענען מכפר זיין אפילו אויף חילול ה'.

**וועגן** דעם האט די תורה מסמיך געווען חילול ה', ולא תחללו את שם קדשי ונקדשתי בתוך בני ישראל, נעבן שבת. ווייל וואס איז די עצה פאר א יוד וואס האט עובר געווען אויף חילול ה', אז ער זאל קענען נתכפר ווערן דערויף, ביים לעבן נוצט דאך נישט קיין תשובה דערויף. האט עס די תורה מסמיך געווען צו די מצוה פון שבת, צו ווייזען אז ווען דו ווערסט האלטן שבת, האט שבת א כח, אז עס זאל קענען מגין זיין אפילו אויף חילול ה'.

**קומט** אויס, אז עס איז דא ארבעה חילוקי כפרה, תשובה, יום כיפור, יסורין, און יום המיתה, און ביי חילול ה' דארף מען האבען אלע פיר, כדי עס זאל קענען מכפר זיין. טאמער ער האלט אבער שבת, איז גענוג איינס. אויב ער טוט תשובה, און ער היט שבת, ווערט עס נתכפר. א סגול, איז דריי. איז וועגען דעם ווען די תורה שרייבט די מצוה פון שבת, זאגט מען, זרקא סגול, אז דו ווערסט האלטן שבת, ווערסטו קענען אוועקווארפען די דריי, יום כיפור, יסורין און יום המיתה, מונח רביעי, עס וועט גענוג זיין די פערטע זאך אליין. מען וועט תשובה טון און מען וועט האלטן שבת, איז עס מכפר אויף אלעם.

**מען** האט יעצט אנגעהויבן צו לערנען אין די חבורה פון '**ובהם נהגה**' מסכת שבת. לערנען שבת איז אזוי ווי מען האלט שבת. מען קען דאך נישט האלטן שבת, אז מען לערנט נישט די הלכות פון שבת. **קומט אויס אז די וואס לערנען מסכת שבת, האבען אין זיך נאך א סגולה, אז עס איז מכפר אפילו אויף די הארבסטע זאכן אויך.**

*

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של ש"ב בן הרה"ג רבי **ישראל אהרן** כ"ץ שליט"א (בן כ"ק הגה"צ גאב"ד סערדאהעלי שליט"א) שהתקיים באולם שע"י ביהמ"ד אמונת ישראל.

*

***יום שלישי פרשת בהר בחוקותי***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הר"ר **מרדכי טעסלער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **ישראל עמרם ניישלאס** הי"ו, שהתקיים באולם רויאל מענאר.

*

***יום רביעי פרשת בהר בחוקותי***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

אחר השיעור הלך **רבינו שליט"א** להשתתף אצל ה'אסיפת הרבנים רבתי' שהתקיימה באולם קאנטינענטאל, שמה נתקבצו מנהיגי הקהילות רבני ואדמור"י העיר להשמיע דעת תורה וחובת השעה בנוגע להרחבת גבולי העיר וויליאמסבורג יצ"ו, והזהירות לשמור חומותיה בטהרה. בעת האסיפה השמיע **רבינו שליט"א** מדברות קדשו בחובת השעה.

***וזה תוכן דבריו:***

**מען** האט פריער געהערט ווי יעדער איינער האט ארויסגעברענגט די וויכטיגקייט פון די היינטיגע

אסיפה, וואס ב"ה די חברי הוועד האבען זייער אסאך אויפגעטון אין די פארגאנגענע יארן. דער פראבלעם ווערט אלץ גרעסער און גרעסער, דער אייבערשטער זאל זיי געבן די כוחות, אז זיי זאלן קענען ווייטער ממשיך זיין אין זייער עבודת הקודש.

**די** גמרא (סנהדרין עא:) זאגט, כינוס לצדיקים הנאה להם והנאה לעולם, א כינוס פון צדיקים איז א הנאה פאר זיי, און עס איז א הנאה פאר די וועלט. עס איז הנאה להם, בעצם די זאך אליין, אז די רבנים פון די שטאט זענען זיך צוזאם געקומען אינאיינעם, איז עס פשוט א הנאה פאר אונז אליין, זיך מחזק זיין צוזאמען. עס שטייט די וואך אין די פרשה, ורדפו מכם חמשה מאה, ומאה מכם רבבה ירדופו (ויקרא כו-ח), און רש"י זאגט, אינו דומה מועטין העושין את המצוה, למרובין העושין את המצוה. יעדער וואס געפונט זיך דא, איז דאך א מנהיג פאר א ציבור, און זיין השפעה איז אויף דעם ציבור מיט וועם ער האט א שייכות, און זיין פליכט איז, ווי מען האט פריער געהערט, אז ער זאל משפיע זיין אויף זיין ציבור. און עס איז אינו דומה ווען מען קומט זיך צוזאמען, און עס איז דא א כח הרבים, און עס ברענגט א תועלת ווען עס איז מרובין העושין את המצוה. און א שאד אז מען קומט זיך צוזאם נאר אזוי ווייניג. אין אזא שטאט ווי עס איז דא אסאך זאכן וואס מען קען אויפטון, מען קען אזויפיל זאכן ארויפברענגען אין יודישקייט, וואלט מען זיך געדארפט מער מאל צוזאמקומען, און אויסשמועסן זאכן וואס איז נוגע על הפרק. אבער עכ"פ וואס עס איז נוגע פאר יעצט, איז די כינוס א הנאה להם, עס איז א הנאה פאר אונז, און עס איז הנאה לעולם, די אסיפה דארף ברענגען א הנאה פאר די וועלט.

**מיר** וואוינען היינט דא אין וויליאמסבורג, יעדער ווייסט און קען די שטאט, די מאנגעל אין דירות האט צוגעברענגט דערצו, אז זייער אסאך שטובער ווערן צובראכען, ממש צובראכען. מען דארף חתונה מאכען א קינד, עס איז נישט דא קיין דירה ווי אריינצולייגען א קינד. מען וויל דאך וואוינען אין א יודישע פלאץ, און מען איז זיך גרייט מוסר נפש צו זיין דערויף. מען דינגט ארויס קעלער'ס, ווי עס קומט נישט אריין א טראפ ליכטיגקייט, און מען נעמט א יונג פאר פאלק, און מען לייגט זיי אריין אין אזא דירה. עס פעלט די שמחת החיים, וואס דארף צו זיין נאך א חתונה. און נאכדעם ווען מען האט קינדער, און מען זיצט אין אזא ענגשאפט, ברענגט דאס צו, אז די שלום בית אין שטוב זאל נישט זיין אויפן ריכטיגען וועג. עס לאזט זיך גארנישט זאגען, וואס מען פלאגט זיך היינט מיט די דירות. און אלעס טוט מען, ווייל מען וויל נישט אוועקגיין פון דא. מען וויל וואוינען אויף א פלאץ וואס איז ב"ה פון די שענסטע מקומות ווי יודען וואוינען. און מען איז גרייט זיך מקריב צו זיין, ווייל מען וויל נישט אוועקגיין וואוינען פון דעם מקום, וואס דאס איז באמת א גרויסער כח, און א סיוע אויפצושטעלן ווייטער יודישע דורות.

**אז** דער אייבערשטער וועט געבן, און מען וועט מצליח זיין ביי די אסיפה, און עס וועט געבויט ווערן הונדערטער און טויזנטער דירות, וואס זענען דא אין די געגנט, און מען וועט דאס בויען פאר יודען, וועט דאס ארויסהעלפען פאר די גאנצע שטאט. עס לאזט זיך נישט זאגען דעם גרויסן זכות וואס מען האט אין דעם. און עס איז נישט נאר א זכות פאר וויליאמסבורג, וויליאמסבורג איז געווארן דער סימבאל פאר די גאנצע וועלט. ווי שענער יודישקייט איז ביי אונז אין די שטאט, ווי שטערקער מען איז מחזק גדרי הצניעות, לימוד התורה, און ערליכקייט, האט דאס א השפעה אויף די גאנצע וועלט. ווען מיר פאלען, ווען אונזער שטאט גייט נידריגער פון וואס עס איז געווען, טוט עס משפיע זיין אויף די גאנצע וועלט. עס איז נישט נאר די כינוס לצדיקים וואס איז דא פאר די שטאט, נאר עס איז הנאה לעולם, אז מיר וועלן אהערשטעלן אז וויליאמסבורג וועט בלייבען א עיר ואם בישראל, אויף אן אופן אז מען קען ארויסגיין אויף די גאס, און מען קען ארויסשיקען די קינדער אויף די גאס, זיך שפילען צוזאמען, און מען דארף נישט פארמאכען די פענסטער'ס, און מען האט א געהעריגע פלאץ ווי צו וואוינען, האט מען א זכות נישט נאר אין די שטאט אליין, נאר עס איז א הנאה פאר די גאנצע וועלט.

**עס** זיצען דא דעוועלעפער'ס, וואס דער אייבערשטער האט זיי געגעבן די זכיה, אז זיי

האבען די מעגליכקייט צוצושטעלן די דירות, און זיי טוען זיך באמת אנשטרענגען יעדער איינער לפי יכלתו, ווי ער זאל קענען צושטעלן נאך א דירה ווי יודען זאלן קענען וואוינען. עס איז נישט צו שעצן זייער שכר, וואס זיי האבען פארן אהערשטעלן אז די שטאט זאל זיין א הייליגע שטאט.

**יעדער** ווייסט אז די מצוה פון צדקה איז זייער א גרויסע מצוה, און עס איז פון די גרעסטע מצות. און ווען מען וועט פרעגן, וואס איז די חשוב'סטע צדקה וואס א יוד קען געבן, וועט דעת בעל הבית זאגען, אז מען געבט צו עסן פאר א ארימאן וואס האט נישט קיין ברויט צו עסן, איז עס די חשוב'סטע צדקה, מען האט ממש מחיה געווען א יוד. אדער אז מען טרעפט א קינד וואס איז ליידער אוועקגעפאלען פון אונז, און ער איז ארויסגעגאנגען לתרבות רעה, און מען קען אים צוריקברענגען און צוריקשלעפן, אז ער זאל לייגען תפלין און האלטן שבת וכדומה, וואלט ער זיך געקויפט א געוואלדיגע מצוה. עס שטייט אבער אין שלחן ערוך (יו"ד רמט-ו), שמונה מעלות איז דא בצדקה. די העכסטע מעלה פון צדקה איז נישט, צו געבן פאר א ארימאן, ווען ער איז שוין אן ארימאן. נאר ווען עס איז דא א יוד וואס פלאגט זיך מיט זיין פרנסה, און מען טוט אים גרינגער מאכען, אז ער זאל קענען לעבן. צו מען געבט אים א מתנה, צו מען געבט אים א הלואה, צו מען נעמט אים אריין אין א שותפות אין א געשעפט, צו מען געבט אים ארבעט, שטייט אין שלחן ערוך אז דאס איז די העכסטע צדקה.

**די** חשיבות פון צדקה איז נישט ווען א פאר פאלק איז שוין צובראכען, ווען עס איז שוין נישט דא קיין שלום בית אין שטוב, און עס איז נישט דא קיין מנוחה אין שטוב, און נאכדעם נעמט ער זיך צוזאם, און ער זוכט ווי אזוי מען קען העלפן פאר די שטוב. צדקה איז נישט נאר ווען קינדער פאלען אוועק, און זיי זענען ארויסגעגאנען לתרבות רעה, און נאכדעם זוכט מען, ווי אזוי מען קען זיי צוריקברענגען. דאס איז פון די נידריגע חלקים אין צדקה. די העכסטע מעלה אין צדקה איז, ווען מיר מאכען אז יודישע שטובער זאלן נישט צובראכען ווערן, אז מיר שטעלן אהער דירות אז עס זאל זיין רואיגקייט פאר אונזערע קינדער און אונזערע אייניקלעך, ווען מען שטעלט אהער א שטאט, ווי מען זאל נישט דארפן מורא האבען אז די קינדער זאלן ארויסגיין לתרבות רעה, דאס איז די העכסטע סארט צדקה וואס מען קען טון. און דאס איז א זכות פאר די וואס שטעלן אהער די דירות, אז יודען זאלן קענען דא וואוינען. וואס סיי אין גשמיות טוען זיי אויפבויען יודישע שטובער, און סיי אין רוחניות בויען זיי אויף יודישע שטובער. זיי בויען אויף די שטאט, און ווען זיי בויען אויף די שטאט, בויען זיי אויף די גאנצע וועלט. עס איז א געוואלדיגער זכות, פאר די אלע וואס האבען זייער חלק אין דעם.

**און** עס איז נוגע אסאך מאל צו געלט. און געלט איז א גרויסער נסיון, און עס איז שווער אסאך מאל עומד צו זיין בנסיון. אבער מיט געלט איז א מענטש נישט גליקלעך, גליקליכקייט פון א מענטש, איז נישט די געלט וואס ער האט. דער אייבערשטער זאל געבן, אז יעדער זאל האבען וואס ער דארף, אבער ווען ער קען האבען א הנאה פון דעם געלט, ווען ער קען מיט די געלט אויפטון פארן אייבערשטען'ס וועגן, דאס איז דער ציל פון דעם וואס דער אייבערשטער איז אים מזמין אז ער האט געלט.

**עס** איז דא דריי גליקען וואס א מענטש האט אין די וועלט. בני, חיי, ומזוני. עשירות דאס איז מזוני. אויסער דעם עשירות וואס מען האט, איז די גליק פון א מענטש, אז דער אייבערשטער גיט אים, אז ער האט ערליכע קינדער און ערליכע דורות, וואס ער קען מחנך זיין לה' ולתורתו. דער אייבערשטער גיט אז מען איז געזונט, ער מיט די בני בית, מיט די קינדער און אייניקלעך, דאס איז אלעס מער ווערט פון געלט. פון געלט קען מען נישט קויפן נאר געלט, אבער מען קען נישט קויפן קיין געזונט, און קינדער. אז דער אייבערשטער גיט די זכיה פאר א יוד, אז ער קען טון א זאך, אויפצוהייבען דעם קרן התורה אין די שטאט, און עס קאסט אים געלט, איז דער שכר וואס דער אייבערשטער באצאלט דערפאר אויסערגעוועונליך.

**וויפיל** מאל איז דא מענטשען וואס פארדינען טאקע אסאך געלט, און זיי מאכען אסאך געלט, און זיי זענען שטארק מצליח, און נאך א פאר יאר

זעהט מען, ווי די געלט האט זיך געדרייט. מען דארף עס נישט מסביר זיין פאר די וואס זענען אין ביזנעס, איין שלעכטע די"ל וואס ער מאכט, איין פלאץ ווי ער פאלט אדורך, פארלירט ער אלעס וואס ער האט פארדעם פארדינט. וויפיל עגמת נפש ברענגט עס אים, און וויפיל אומרואיגקייט האט ער נאכדעם. און אז דער אייבערשטער העלפט, און ער האט א ברכה אין די געלט וואס ער האט פארדינט, ער איז מצליח דערין, קען מען נישט שעצן וויפיל עס איז ווערט. אסאך מאל קען זיין אזוי ווי די גמרא (בבא בתרא טו:) זאגט, הנוטל פרוטה מאיוב, אויב ער האט באקומען איין פרוטה פון איוב, וואס איז געווען ערליך געלט, מתברך, האט עס געברענגט א ברכה. און ח"ו, געלט וואס האט ווי' געטון פאר יודען, געלט וואס האט צוגעברענגט אז יודישקייט זאל שוואך ווערן, וואס ליגט אלץ אין דעם געלט. עס קען נישט זיין, אז בסוף הימים זאל פון דעם געלט ארויסקומען א טובה. און עס איז א זכות פאר דעם וואס טוט צוהעלפען, אז יודישע דירות זאלן קענען געבויט ווערן. און מיט דעם געלט, אפילו עס איז ווייניגער, ליגט אבער א ברכה אין די געלט, און ווען ער טוט עס נאכדעם אינוועסטירן אין א צווייטע פלאץ, ברענגט עס רווחים. און ח"ו דאס פארקערטע, ווען עס גייט נישט אויף א ריכטיגע מקום.

**וויפיל** זכותים דארף א יוד היינט האבען, אז מען זאל זיין געזונט, און מען זאל קענען מחנך זיין ערליכע דורות. לײדער פאלן היינט אוועק שטיקער פונעם כלל ישראל. קיינער איז נישט געזיכערט, אסאך מאל זעהט מען ווי עס פאלן אוועק פון די שענסטע און די בעסטע שטובער. אין דעם זכות וואס מען טוט פאר א רבים, אין דעם זכות וואס מען טוט צוהעלפען אז הונדערטער און טויזנטער יודען זאלן נתחנך ווערן אין א הייליגע אטמאספער, אין א מקום פון קדושה. דארט ווי עס איז דא קדושה, איז דא א השראת השכינה. און ווער עס ברענגט צו אז די השראת השכינה זאל זיין אין די שטאט, באצאלט אים דער אייבערשטער פי כמה. עס איז א גוט געשעפט. אסאך מער פון וויפיל מען פארדינט פון געלט, פארדינט מען פון די ברכה וואס דער אייבערשטער גיט, פאר די וואס האבען געטון פארן אייבערשטען'ס וועגן.

**עס** איז די וואך די פרשה פון בהר, מען האט שוין פריער גערעדט, אז שמיטה איז א מענטש מפקיר זיין גאנץ פארמעגן, וואס ער דארף האבען פאר פרנסה. וכי תאמרו מה נאכל, עס איז נישטא וואס צו עסן, און נישט איין יוד האט מפקיר געווען זיין פעלד, נאר גאנץ כלל ישראל האט מפקיר געווען די פעלדער, גאנץ ארץ ישראל איז געווען הפקר, און בדרך הטבע איז נישטא וואס צו עסן. און דער רבונו של עולם זאגט, וצויתי את ברכתי (ויקרא כה-כ), אויב דו וועסט טון וואס איך הייס, זאג איך דיר אז עס וועט זיין א ברכה. קיינער האט נאכנישט ארויפגעצאלט אויפן רבונו של עולם, דער אייבערשטער זאגט, אין אדם שומע לי ומפסיד (דב"ר ד-ה), קיינער האט נאכנישט צוגעהערט צו מיר, און ער איז ארויסגעגאנגען מיט שאדען. ווען א יוד טוט וואס עס איז דער רצון פונעם אייבערשטען, און ער טוט עס לשם שמים, ליגט א ברכה אין וואס ער האט, אז אין דעם ביסל וואס ער האט בשנה הששית, באקומט ער א ברכה, אז ועשת את התבואה לשלש השנים.

**עס** איז באקאנט די ווערטער פונעם הייליגען **רבי ר' אלימלך**, אז ווען מען פרעגט נישט מה נאכל, ליגט עס אין די טבע, אז עס וועט זיין. טון וואס דער אייבערשטער הייסט, ברענגט א ברכה. ווי דער פסוק (שם כו-ג) זאגט, אם בחוקותי תלכו, ואכלתם לחמכם לשובע, און די אלע ברכות וואס קומען נאך. אבער ווען א מענטש הייבט אן צו פרעגן, ווי אזוי וועל איך מצליח זיין אויב איך וועל פאלגן דעם אייבערשטען, דאס איז א ירידה אין די השפעה. און אפילו הכי, זאגט דער אייבערשטער, אפילו נאך די קשיא וואס דו האסט, טאמער וועסטו אויספירן וואס איך האב געהייסען, וצויתי את ברכתי, איז דא א ברכה פונעם אייבערשטען.

**זאל** דער אייבערשטער געבן ברכה און הצלחה פאר די אלע וואס טוען דערין. סיי די וואס זענען עוסק בצרכי ציבור, און געבן אוועק אסאך שעה'ן און צייט צוצוהעלפען דערצו, און סיי פאר די וואס טוען אליין דעוועלעפען, און סיי פאר די וואס האבען א השפעה אויף אנדערע. און וויסען ביי זיך דעם געוואלדיגען זכות וואס ער האט, צוצושטעלן איין יודישע דירה אין די שטאט, און כל שכן ווען

מען רעדט נישט פון איין יודישע דירה, נאר מען רעדט פון הונדערטער דירות, וואס דער זכות איז נישט נאר פאר די הונדערטער מענטשען, נאר עס איז א זכות פון טויזענטער יודען וואס וואוינען אין די שטאט, אז זיי זאלן קענען ערציען זייערע קינדער לתורה ולמעשים טובים, דאס איז אלעס גערעכנט פאר זייער זכות. דער אייבערשטער זאל געבן אז עס זאל ארויסקומען א כבוד שמים פון דעם כינוס וואס מען איז זיך צוזאמגעקומען, און יעדער זאל מפרסם זיין דעם דבר ה', און וואס דער ציל פונעם כינוס איז. און מיר זאלן אלע זוכה זיין, געבענטשט צו ווערן בבני חיי ומזוני, און שפע ברכה און הצלחה, און אינאיינעם אקעגן גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***__יום חמישי פרשת בהר בחוקותי__***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן ש"ב הרה"ג רבי **זיידא אייכענשטיין** שליט"א (בן כ"ק האדמו"ר מבורשטין שליט"א, וחתן הגה"צ אב"ד תולדות אהרן וויליאמסבורג שליט"א) שהתקיים בבית המדרש בורשטין. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות.

אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים ביחד עם אחיו **כ"ק הגה"צ גאב"ד סערדאהעלי שליט"א** ועם הסב **כ"ק האדמו"ר מבורשטין שליט"א. רבינו שליט"א** איחל לחיים להרבנים הגאוה"צ שליט"א, אחר כך מסר **האדמו"ר מבורשטין שליט"א לרבינו שליט"א** כמה מספריו שיצאו לאור לאחרונה.

בשעות הצהרים הגיע **כ"ק האדמו"ר מזוועהיל שליט"א** (יוניאן סיטי) לביקור אצל **רבינו שליט"א** (תוכן השיחה יבא אי"ה).

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי. אחר מנחה מסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לב"פ למסור שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל סעודת הילולא של **הרה"ק רבי שלמה מזוועהיל זצ"ל**, שנערכה ע"י **כ"ק האדמו"ר מזוועהיל שליט"א**, באולם שע"י ת"ת פאפא.

*

***__ערב שבת קודש פרשת בהר בחוקותי__***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **מאיר חיים אייזענבאך** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***__וזה תוכן השיחה:__***

**עס** איז א גרויס חשיבות א ברית אינעם היינטיגען טאג. עס איז ערב שבת, און מען ווייסט אז אין די טעג פון די וואך, איז די זעקסטע טאג, די זעקסטע מדה, מדת יסוד, וואס איז מכוון אקעגן ברית. עס איז אויך די זעקסטע וואך פון די ספירה, וואס איז די מדה פון יסוד, און דער היינטיגער טאג איז יסוד שביסוד, און אלעס וואס איז נוגע צו מצות מילה קומען זיך צוזאם.

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, אז אויב יודען וועלן פרעגן מה נאכל בשנה השביעית, הן לא נזרע ולא נאסוף את תבואתנו, זאגט דער אייבערשטער, וצויתי את ברכתי בשנה הששית, איך וועל געבן די ברכה אינעם זעקסטע יאר, ועשת את התבואה לשלש השנים (ויקרא כה-כ). עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז די ברכה וואס א יוד האט, ווענט זיך לויט זיין קדושה אין דעם ענין. ווי הייליגער א יוד פירט זיך, אזוי איז זיין השפעה אין פרנסה אויך אין א העכערע מדריגה. וצויתי את ברכתי לכם בשנה הששית, די ברכה וואס דער אייבערשטער געבט, איז בשנה הששית, שנה איז בגימטריא ספיר"ה, אקעגן די זעקסטע ספירה, דארט איז דא די ברכה. עס קען אפשר זיין א טעם, פארוואס ער רופט עס אן מיטן לשון 'שנה'.

**עס** שטייט אין **ישמח משה** (פרשת מקץ) אז עס שטייט אין תיקוני זוהר (תיקון כב עו.), אז ווען מען מל'ט א קינד, קומט ארויף אויפן קינד צוויי שמות פון קדושה. דער שם שד"י, און דער שם הוי"ה. איינס איז מלגאו, און איינס איז מלבר. און די צוויי שמות זענען שורה, ווען מען פירט זיך ערליך. אבער אז מען פירט זיך נישט ערליך, גייט אוועק

דער שם שד"י, און עס קומט אויף דעם פלאץ דער שם ס"ם. זאגט דער הייליגער **ישמח משה**, שד"י באטרעפט דריי הונדערט און פערצן, און ס"ם באטרעפט הונדערט. קומט אויס, אז עס איז דא א ירידה פונעם שם שד"י, צום שם ס"ם, א מספר פון צוויי הונדערט און פערצן. וועגן דעם שטייט אין פסוק (בראשית מג-כ) ווען מען איז אראפגעגאנגען קיין מצרים, ירד ירדנו בתחלה לשבר אוכל. יר"ד איז רי"ד. עס איז נתחלף געווארן די שם שד"י אויף ס"ם, און יר"ד, אין די מספר פון רי"ד, ירדנו, האבען מיר געהאט א ירידה, און וועגן דעם זענען מיר אנגעוויזען, אז מען דארף אראפגיין קיין מצרים, לשבר אוכל.

**קומט** אויס, אז די צוויי שמות וואס א יוד האט בשעת ברית מילה, איז דער שם שד"י, וואס איז דריי הונדערט און פערצן, און דער שם הוי"ה וואס איז זעקס און צוואנציג, און צוזאמען איז עס דריי הונדערט און פערציג. איש ואשה זכו שכינה שרויה ביניהם (סוטה יז.), איז דא א יו"ד ביי איש, און א ה"א ביי אשה, איז עס נאך פופצן. און צוזאמען איז די דריי שמות די מספר פון דריי הונדערט און פינף און פופציג, וואס דאס איז די מספר פון 'שנה'. וצויתי את ברכתי ב'שנה' הששית, ווען די מדה הששית וועט זיין בשלימות, ווען עס וועט זיך צוזאמקומען די דריי שמות, דער שם הוי"ה, מיטן שם שד"י, און דער שם י"ה וואס איז דא ביי איש ואשה, דארט וועט זיין די ברכה.

*

***שבת קודש פרשת בהר בחוקותי***

בדרשת פרקי אבות דרש **רבינו שליט"א** ענינים נפלאים בפרשת התוכחה, ובמספר מ"ט קללות שבתורת כהנים אשר המה מכוונים נגד מ"ט שערי טומאה שבעולם, ועל כח התורה אשר בקדושתה יכולים לצאת גם משער הנו"ן שבטומאה. ולכך אחר שספרו מ"ט יום לספירה שהוא לטהר ממ"ט שערי טומאה, באים ביום החמישים לקבלת התורה, שהוא מסוגל להוציא גם מי שנפל לשער הנ' שבטומאה, להטהר ולהתקדש בקדושה של מעלה.

בדברים מיוחדים עמד **רבינו שליט"א** על הזמן שנמצאים בו, שבשבוע זו נסתיים שבעים שנה מעת שנגמרה חורבן העולמית השניה, אשר אף שעברו כל דברי התוכחה בכל פרטיה, גם נתקיים סיום דברי התורה אשר לא מאסתים ולא געלתים לכלותם, ונתגדל מחדש דור של רבבות לומדי תורה, ומחנכים הדורות הבאים בדרך התורה, ורק הבטחת התורה עמדה לנו שלא תשכח מפי זרעו לעולם.

וכוחות אלו של גדולי ישראל יחד עם הבעלי בתים שזכו להקים דור חדש לתפארת, אף שאבדו כל ביתם ורכושם והיו שבורים ורצוצים, זה נובע מחינוך העמוקה שהיתה טבועה בהם מבית אבותם ורבותם, שנתגדלו בימי נעוריהם אצל מלמדים ומגידי שיעור וראשי ישיבות יראי ה' מפורסמים, בעלי מסירת נפש, אשר יראת ה' טהורה היתה בלבם, וזה עמדה להם אשר גם המים הזדונים לא יכלה לכבות את אהבת ה' שהיתה חקוקה על לוח לבם.

ועל זה רואים ירידת הדורות בימינו אלה במדה גדושה שלא היתה מלפנים, באשר חלק גדול של המלמדים והמגידי שיעור בזמנינו הם רק בעלי כשרון ובעלי פיפיות בהסברה ובשפה משותפת עם התלמידים, אבל אינם מורם מעם בתפלה או בשמירת הדיבור ובאופן האכילה והתנהגות במדות טובות, וגם בראשי הישיבות ישנם שאין כחם אלא בפה, וקדושת התורה כזו אינה נשארת לנצח, ולזה יש תלמידים רבים שהם קלים למחצה לשליש ולרביע עד שישנם שיוצאים לתרבות רעה ל"ע.

**רבינו שליט"א** הרחיב הדיבור בזה במציאות הדברים, לידע שרק תורה הנלמד בטהרה ובקדושה קידשה לשעתה ולעתיד לבא. וביאר בזה מאמר המשנה (אבות ה-יד) 'עושה ואינו הולך שכר מעשה בידו', שאם רואים תלמידים שעושים חיל בתורה, ואין זה הולך עמו אחר שיצא מבית התלמוד, להתנהג בקדושה זו גם בעתיד, תדע כי סיבת הדבר הוא, שהמלמדו 'שכר מעשה בידו', שעושה מלאכתו רק כדי לקבל שכר מעשה, ואינו מסור בלב ונפש להרביץ תורה לכבוד שמים. מאידך 'הולך ועושה חסיד', אם רואים ש'הולך ועושה', גם אחר שיצא מבית המדרש הולך ומתעלה בתורה ועבודת ה', זהו לסימן שהמלמדו 'חסיד' וירא שמים מרבים, ולכן תורתו מתקיימת בלב התלמידים להיות טופח על מנת להטפיח.